# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................5:35
מוצאי שבת קודש...........7:04

**שיעורים כסדרן**

נ״ך.................................חגי ב׳
בבלי........................זבחים מ״ח
ירושלמי......................נדרים ז׳
תוספתא..................אהלות ב׳
רמב״ם................טוען ונטען ט״ו


פרשת לך, ג׳ חשון, שנת תשפ״ו לפ״ק

שנה 15, גליון 5 (723)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

עָשׂוּ מִלְחָמָה אֶת בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב מֶלֶךְ אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא צֹעַר. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען דִי פִינְף קֶענִיגְן הָאבְּן גֶעפִירְט אַ מִלְחָמָה מִיט דִי פִיר קֶענִיגְן.

רַשִׁ״י טַייטְשְׁט אוֹיס דִי אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי קֶענִיגְן וִוי שְׁלֶעכְט זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען, ״בֶּרַע״ אִיז גֶעוֶוען ״רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת״, שְׁלֶעכְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מֶענְטְשְׁן, ״בִּרְשַׁע״ אִיז גֶעוֶוען ״נִתְעַלָּה בִּרְשָׁעוֹת״, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הוֹיכֶע מָאס רִשְׁעוּת, ״שִׁנְאָב״ הָאט פַיינְט גֶעהַאט דֶעם טַאטְן אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אִיבְּרִיגֶע שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן ווידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם צְוֵוייטְן, לוֹיט וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס דִי שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט מִלְחָמוֹת אוֹיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל״ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ זוּכְן נָאר שָׁלוֹם, סֵיי אַז סְ׳זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוּן סֵיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר זָאל אַלְץ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, סֵיי וֶוען סְ׳גֵייט אִים גוּט אוּן סֵיי וֶוען נִישְׁט. דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, שְׁוַואכְט דָאס אָפּ זַיין אֱמוּנָה, עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אַלֶע אַרוּמִיגֶע, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, קֶען זִיכֶער נִישְׁט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע.

שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹף עוּקְצִין) ״לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ כֵּלִי וָואס זָאל הַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פַאר אִידְן, נָאר שָׁלוֹם. אוּן וַוייל שָׁלוֹם אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן אַזַא וִויכְטִיגֶע זַאךְ, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מְ׳זָאל זִיךְ יָא קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, כָאטְשׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז סְ׳וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם גוּטְס פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, סְ׳וֶועט נָאר בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם שְׁטֶערְן זֵיי אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת פוּן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מְ׳מוּז אַלְץ הַאלְטְן אַזוֹי וִוי יֶענֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶעם מֵיינוּנְג, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן וַוייל יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ. יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ׳הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו פוּן ״לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךְ בִּלְבָבֶךָ״ (וַיִּקְרָא י״ט, י״ז), אוּן מִיט דֶעם אִיז דִי לַאו פִיל עֶרְגֶער פוּן אַנְדֶערֶע לַאוִין, וַוייל אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע לַאו אִיז מֶען נָאר עוֹבֵר בִּשְׁעַת מְ׳טוּט עֶס, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ פַיינְט הָאבְּן אַ אִיד, הָאט מֶען אַן עֲבֵירָה יֶעדֶע רֶגַע וָואס מְ׳הָאט יֶענֶעם פַיינְט.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען קוֹדֶם מַאכְן שָׁלוֹם בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אַ צַדִיק וָואס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם גוּטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן עֶר גֵייט דוּרְךְ זָאל זַיין הַארְץ שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן גַאנְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן קֵיינֶעם. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֶעבְּט עֶר בְּשָׁלוֹם אוֹיךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ טַעַם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט זִיס אוּן גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֶךְ תשס״ה)

## מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

דֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי״ע, דֶער ״צְבִי לַצַּדִּיק״, פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד׳ל דִינוֹב׳עֶר זי״ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן ״בְּנֵי יִשָּׂשכָר״ זי״ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: ״אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?״ וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן״...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי


<<<<<<


### א גוט ווארט

הִיט זִיךְ פוּן דִי קְלִיפַּת אַמֶערִיקֶע, טוּמְאַת אַמֶערִיקֶע, וָואס אִיז קְרֶעדִיט קַארְדְס; עֶס זֶעט אוֹיס אַ גוּטֶע גְלַאנְצִיגֶע זַאךְ, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אוּן דָאס פִירְט צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, מֶען צָאלְט שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע אִינְטֶערֶעסְט אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי טוּמְאָה, צֶעבְּרֶעךְ דִי קַארְטְלֶעךְ, וַוארְף אַוֶועק דִי טוּמְאָה אוּן נוּץ נָאר דֶעבִּיט קַארְדְס; דָאס מֶעג מֶען, דָאס קֶען מֶען נִיצְן נָאר אַז מֶען הָאט דֶעקוּנְג, מַה שֶּׁאֵין כֵּן קְרֶעדִיט קַארְדְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר אַלֶע תַּלְמִידִים גֶעטְרָאסְט אוּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען צוּ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט נָאכְן לִיגְן אִין טִיפֶע חוֹבוֹת ה׳ יְרַחֵם.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, טוּ יֶעדֶע אַרְבֶּעט וָואס קוּמְט נָאר אוּנְטֶער, אַבִּי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ״ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הָאסְט לִיבּ דַיינֶע קִינְדֶער?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, בִּיסְט פַּארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל עֲסָקָנוּת אוּן פוּן דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַּארְגֶעסְטוּ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען זַיין זוּן יִשְׁמָעֵאל אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען אוֹיפְצוּטוּן מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַּארְגֶעסְט מֶען, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט פַאר זֵיי.

אַז דוּ קוּשְׁט דַיין קִינְד מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, דוּ הָאסְט דִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ, הָאסְט אַ דַאלִי פַאר דִיר צוּ שְׁפִּילְן; אוֹיבּ וָואלְסְטוּ אִים לִיבּ גֶעהַאט – וָואלְסְטוּ אִים מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, וָואלְסְט גֶעזָארְגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען, עֶר זָאל דַאוֶונֶען, עֶר זָאל מַאכְן בְּרָכוֹת, עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, וָואלְסְט גֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע מְלַמְדִים וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג; דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען.

חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט דַארְף מֶען זֵיי שְׁפֶּעטֶער פַּארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט טוּן מִיט יִשְׁמָעֵאל, אוּן אַזוֹי הָאט אוֹיךְ פַּאסִירְט מִיט יִצְחָק אָבִינוּ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהִיטְן אוֹיף עֵשָׂו, "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו" (בְּרֵאשִׁית כה, כח), עֶר הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָואס נִישְׁט צוּ טוּן, אִיז עֶר בַּיים סוֹף אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא טז:) עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף נַעֲרָה הַמְאוֹרָסָה אוּן אוֹיף רְצִיחָה, עֶר הָאט כּוֹפֵר גֶעוֶוען בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים אוּן גֶעלֵייקֶנְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען דִי בְּרוּדֶער יַעֲקֹב, בִּיז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ; אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָארְגְט פַאר אִים.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נֶעם נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר תְּמִימוּת, לָאז זֵיי מִיט זֵייעֶר אֱמוּנַת חֲכָמִים, לָאז זֵיי מִיט דִי תְּמִימוּת וָואס דִי מְלַמְדִים רֶעדְן צוּ זֵיי, וֵויי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט דִי סַם פוּנֶעם נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי 'עֶס אִיז נִישְׁט מַמָשׁ אַזוֹי', 'עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער מְלַמֵּד זָאגְט', 'וֶוער זָאגְט עֶר אִיז אַ צַדִּיק?' וֵויי אַז מֶען צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶערְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער יֶעצְט בִּין אִיךְ פַּארְנוּמֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין וַוייבּ אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּרוּעֶן נָאכְן הָאבְּן דִי קִינְד, אִיךְ דַארְף זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

**ה. לְעוֹלָם אַל יוֹצִיא אָדָם אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל.** אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְצִיעֶן פוּנֶעם כְּלַל, [עֶר זָאל רֶעדְן צוּ יֶעדְן אוּן אַרַיינְרֶעכֶענֶען אוֹיךְ זִיךְ אַלֵיין אִין דִי רֵייד].

**ו. מִפְּנֵי עֹנֶשׁ תּוֹכָחָה, חוֹזֵר בּוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַטּוֹב שֶׁיָּצָא מִפִּיו.** אַלְס אַ שְׁטְרָאף פַאר'ן נִישְׁט זָאגְן מוּסָר, צִיעֶט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

נְשָׁמָה פְּלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער דוּרְךְ מִשְׁנַיּוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶּכְתָּא מִשְׁנַיּוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיּוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמ'ס טוֹבוֹת. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוָיָ', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכו)

**תשנו**

אוֹיף **יוֹם טוֹב פּוּרִים** אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, פוּן פַאר פּוּרִים בִּיז נָאךְ פּוּרִים.

אַזוֹי וִוי ר' שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיימִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער מְקוֹרָב בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן ס"ז), דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט עֶר אַלֶץ אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן אִין צִימֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

אֵיין טָאג אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשְׁפַּארְט אִין זַיין פְּרִיוַואטֶע צִימֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין, עֶר הָאט נָאר גֶעהֶערְט פוּן הוּנְטֶער דִי טִיר וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְ'ן קוֹל.

ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט בַּיים טִיר אִינְגַאנְצְן דֶערְצִיטֶערְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען, אוּן אַזוֹי פְלוּצְלִינְג גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַ מַאךְ אוֹיף דִי טִיר, דִי טְרֶערְן זֶענֶען אִים נָאךְ גֶערִינֶען אוֹיף דִי בַּאקְן, אוּן עֶר רוּפְט ר' שִׁמְעוֹן אַז עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט טִיף גֶעקְרֶעכְצְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹי וֵויי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ בַּארָאטְן", ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעפְרֶעגְט מִיט צִיטֶער, "רֶבִּי, וָואס הָאט פַּאסִירְט?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן, "אִיךְ הָאבּ אַ סֵפֶר אִינְדֶערְהֵיים, וָואס צוּלִיבּ דֶעם סֵפֶר הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דֶעם סֵפֶר, אוּן יֶעצְט וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף נִסְתַּלֵּק וֶוערְן דָא אִין לֶעמְבֶּערְג, עֶס אִיז מִיר אָבֶער נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן אַז אוֹיבּ דֶער סֵפֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, קֶען אִיךְ נָאךְ יָא בְּלַייבְּן לֶעבְּן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְסוּפָּק, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן וָואס צוּ טוּן, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ דַארְפְן פַארְבְּרֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן אוּן פָארְכְטִיגְן סֵפֶר אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דֶעם אוּן עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַאר דֶעם.

דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער סֵפֶר (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקפ"ח), אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר קֶען מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן. וֶוען דֶער סֵפֶר וָואלְט וֶוען גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט מֶען גֶעזֶען דָארְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, עַיִן לֹא רָאֲתָה, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ פָארְכְטִיגֶער אוּן הֵיילִיגֶער סֵפֶר.

וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן, "עֶס אִיז זֵייעֶר קְלָאר וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת, אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סְבָרָה אַז אֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין דֶעם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ פַארְבְּרֶענֶען דֶעם סֵפֶר, אַז אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן לֶעבְּן מִיט אוּנְז".

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, עֶס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַז אוֹיבּ וֶועט מֶען פַארְבְּרֶענֶען דֶעם סֵפֶר וֶועל אִיךְ נָאךְ קֶענֶען לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶס מִיר גָאר אַ גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג עֶס צוּ פַארְבְּרֶענֶען. ר׳ שִׁמְעוֹ׳לֶע [וִוי דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אִים רוּפְן], דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דִי טֵייעֶרְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן פַאר דֶעם סֵפֶר מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן וִויפִיל שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעלִיטְן פַאר דֶעם״, אוּן אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט.

דֶערְוַוייל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן מִיט ר׳ שִׁמְעוֹן, אִיז דֶער דָאקְטֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי׳ן, ״אִיר טָארְט דָאךְ נִישְׁט וֵויינֶען יֶעצְט אַזוֹי סַאךְ, אִיר שָׁאקְלְט אוֹיף אַייעֶרֶע לוּנְגֶען״, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט פַארְלָאזְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס הוֹיז, עֶר הָאט נָאר אָנְגֶעזָאגְט פַאר ר׳ שִׁמְעוֹן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אַז עֶר זָאל נִישְׁט לָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן וֵויינֶען אַזוֹי פִּיל.

ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ זֶען וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, וִוי דֶער רֶבִּי פַארְגִיסְט אַזוֹיפִיל טְרֶערְן.

אִינְמִיטְן וֵויינֶען הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ ר׳ שִׁמְעוֹן, ״אוֹיבּ אַזוֹי, זָאל זַיין וִוי דוּ זָאגְסְט. דָא הָאסְטוּ דֶעם שְׁלִיסְל פוּן מַיין שַׁאפֶע, אוּן גֵיי שְׁנֶעל, הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, דִינְג שׁוֹין אַ וָואגְן קַיין בְּרֶסְלֶב, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן קַיין רֶעגְן אוּן שְׁנֵיי, לוֹיף וָואס שְׁנֶעלֶער קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אַרַיינְגֵיין צוּ מִיר אִין הוֹיז, אִין מַיין שַׁאפֶע וֶועסְט טְרֶעפְן אֵיין סֵפֶר וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעשְׁרִיבְּן, נֶעבְּן דִי שַׁאפֶע לִיגְט אַ קֶעסְטְל פוּן מַיין טָאכְטֶער אָדְל, דָארְט לִיגְט נָאךְ אַ סֵפֶר, דָאס אִיז וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר, אוּן נֶעם דִי בֵּיידֶע סְפָרִים אוּן פַארְבְּרֶען זֵיי״.

דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט, ״ר׳ שִׁמְעוֹ׳לֶע,

<<<<<<

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

מוֹהֲרַא״ש פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל זָאגְן אַז עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף דִי פִילֶע שָׁעוֹת וָואס עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט מֶענְטְשְׁן אִין לוֹיף פוּן דִי יָארְן, יֶעצְט זֶעט עֶר אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט. מוֹהֲרָא״ש הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, ״וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶער, נָאר דִי סְפָרִים וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אוּן דִי בְּרִיוּו וָואס מֶען דְרוּקְט, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דְרוּקְט, אֲפִילוּ נָאר אֵיין מָאל, וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, וַוייל אַלֶעס וֶועט מֶען נָאךְ אִיבֶּערְדְרוּקְן אוּן אִיבֶּערְדְרוּקְן אַסַאךְ מָאל״.

עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זֵייעֶר בֶּענְקֶען נָאךְ יֶעדֶע וָוארְט אוּן שְׁמוּעֶס פוּן מוֹהֲרָא״ש, מֶען וֶועט בֶּעטְן אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי מוֹהֲרָא״ש אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן כָאטְשׁ עֶפֶּעס, וָואס אִיז גֶעוֶוען? וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען? מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט יֶעדֶעס וָוארְט.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא״ש, חֵלֶק א׳, סִימָנִים נ״ז-נ״ח)



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן גֶעלְט?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א.

מַיין גַאנְצֶע קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, וִוי קֶען מֶען פַארְדִינֶען נָאךְ עֶפֶּעס גֶעלְט, אוּן אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם.

אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, מִיט מַיין גוּטֶע דִירָה וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳, וִויל אִיךְ נָאר מֶער, אִיךְ וִויל נָאךְ אַ דִירָה אוּן נָאךְ גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט נָאךְ אַ דִירָה, אוּן יֶעצְט צִיעֶן זִיךְ וַוייטֶער דִי דַאֲגוֹת וִוי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאצָאלְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט וִוידֶער פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א קֶען מִיר הֶעלְפְן, רַאטֶעוֶוען, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ קוֹיפְן הַייזֶער אוּן צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר - פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט; מֶען קֶען זַיין אִין בִּיזְנֶעס אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיצְן אִין אָפִיס אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זַיין אַ שְׁלֶעפֶּער, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלִיסְן, אָן הַייזֶער, אָן בִּיזְנֶעס - אוּן מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין מְצִיאוּת פוּן דִי גֶעלְט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וַוייל נָאר דֶער רֶבִּי קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן תַּאֲוַות מָמוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כג): **״רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה״**, רוֹב וֶועלְט אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְזִינְקֶען אִין דֶעם, **״הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן״**, אִין תַּאֲוַות מָמוֹן, **״וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה״**, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה צוּ וֶוערְן נִיצוֹל פוּן דֶעם - **״כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק״**, נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קצב): **״פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ״**, דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק - גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): **״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״**, מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, **״שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת**, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, **״אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ״**, **וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: ״סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען״**, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זוּכְן צוּ קוֹיפְן אֵייבִּיגֶע הַייזֶער. מֶען מֶעג אַרְבֶּעטְן, מֶען מֶעג קוֹיפְן הַייזֶער, אָבֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן עַלְמָא דְאָתֵי, אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן דָארְט וֶועט מֶען נָאר מִיטְנֶעמֶען דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג דִי גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַ הוֹיז, דָאס אִיז אַ גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנִים (תִּיקּוּנֵי זֹהַר הַקְדָּמָה, יד): **״כָּל מַאן דְזָכָה לַהֲלָכָה חַד״**, וֶוער עֶס לֶערְנְט אַ הֲלָכָה - **״יָרֵית עַלְמָא חַד״**, יַרְשׁ׳נְט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, **״כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָכָה לְמַסֶּכְתָּא חֲדָא, אוֹ לִתְרֵין, אוֹ לִשְׁתִּין, דְּאִתְּמַר בְּהוֹן שִׁשִּׁים הֵמָּה מַלְכוֹת, דְּכָל מַסֶּכְתָּא מַטְרוֹנִיתָא אִיהִי בְּגַרְמָהּ, זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּיָרִית לָהּ בְּהַאי עָלְמָא״**, אוּן זִיכֶער וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט אַ מַסֶּכְתָּא, אָדֶער צְוֵויי וְכוּ׳ - וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גַאנְצֶע וֶועלְט; אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט מַסֶּכֶת עֵירוּבִין, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס; זָאלְסְט נִישְׁט זַאט וֶוערְן פוּן קוֹיפְן נָאךְ אוּן נָאךְ וֶועלְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ״ו)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# נייע "כולל בוקר" אין שטעטל

דעם פארגאנגענעם שבת קודש האבן די איינוואוינער אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי געהאט די זכי׳ אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אויף שבת, נאכדעם וואס ער האט געמאכט א ברית פרייטאג אינדערפרי פאר זיין ניי געבוירענעם אינגעלע, וואס איז פארגעקומען ביי זיין טאטן, הגה"צ קארלסבורג רב שליט"א, אין בארא פארק, ויקרא שמו בישראל "עמרם".

דער שבת איז אריבער גאר דערהויבן, דער ראש ישיבה שליט"א האט ווי זיין שטייגער שטארק מחזק געווען אנשי שלומינו, מען האט אסאך ארומגערעדט פון תורה און תפלה, ווי אזוי צו האבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן, ווי אזוי זיך אנצופילן מיט גוטע זאכן וואס באגלייטן דעם מענטש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן וואס זענען געאייגנט און פאסיג פאר יעדן מענטש אויף דער וועלט אן אויסנאם.

ביי די שיעורים און שמועסן אין לויף פונעם שבת, און ספעציעלביים שיעור אין סיפורי מעשיות שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען, האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל שטארק מחזק געווען אז א תלמיד היכל הקודש דארף לערנען משניות, מען דארף זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות, און נאר אזוי קען מען זיך שטארקן און דערהאלטן, און אפילו די וואס זענען פארנומען מיט צרכי רבים, וואס איז באמת גאר א גרויסע און חשובע זאך, איז דאס אבער נישט קיין אויסרייד אז מען זאל אפלאזן דעם משניות'ל, מען דארף כסדר זיך ארומדרייען מיט א משניות אין טאש, און אריינכאפן נאך א פרק און נאך א פרק.

די בעסטע זאך איז ווען מען גייט שלאפן באצייטנס, מען שטייט אויף פארטאגס, און מען נוצט אויס די ליכטיגע צופרי שעות מיט'ן לערנען די הייליגע תורה, יעדער איינער לויט זיין דרגה. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אז ער גלוסט זייער שטארק אז דער בית המדרש זאל זיין אנגעפילט יעדן פארטאגס מיט די שטעטל איינוואוינער, וואס יעדער זאל זיצן מיט א ספר, צי אליין צי מיט א חברותא, און לערנען זיינע שיעורים אין די תורה הקדושה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער וויל עפענען א "כולל בוקר", אז יעדן אינדערפרי פון זעקס ביז זיבן אזייגער, זאלן אנשי שלומינו זיצן און לערנען אין בית המדרש.

אין א בריוו די וואך צום גבאי פון שטעטל, מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן ווי שטארק ער האט הנאה געהאט צו זיין חודש תשרי אין שטעטל, דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט געוויסע דעטאלן וואס מען זאל פארריכטן אינעם נייעם בית המדרש, און בתוך הדברים שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אויך איבער'ן באנייען דעם "כולל בוקר".

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט, "אויך וויל איך וויסן אויב מיר קענען צוריק באנייען די כולל בוקר, אנהייב שטעטל ווען די בית המדרש איז געווען אונטער אברהם משה'ס הויז האבן מיר געהאט א כולל בוקר פאר אינגעלייט וואס קומען לערנען פון זעקס אזייגער ביז זיבן אזייגער, א שעה פארן דאווענען, איך וויל באנייען די כולל בוקר, איך האב אזא גליסטעניש אז די בית המדרש זאל זיין אנגעפילט פארטאגס וואו אלע וועלן קובע זיין לערנען שיעורים כסדרן בכל התורה כולה, ח"י פרקים משניות, יום תהלים און אסאך בלעטער גמרא און הלכה."

נאר די תורה קען העלפן דעם מענטש, דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו, "די תורה וועט דיך פרייליך מאכן, די תורה וועט דיר געבן לעבן, אלעס וועט דיר בעסער ווערן. נישטא נאך א בעסערע סגולה פאר אלעס; פאר פרנסה, פאר געזונט, פאר נחת, פאר שמחה; מען דארף האבן איין זאך – אמונת חכמים, גלייבן די הייליגע צדיקים און טון זייערע עצות, און האבן סבלנות, נישט אפלאזן זייערע הייליגע עצות".

**אין סגולה כתורה!**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## א פרישע זמן

**מען האט אריינגעטרעטן אינעם פרישן זמן, ווי אזוי האלט מען אן די פרישקייט פאר'ן גאנצן זמן און פאר'ן גאנצן יאר?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 4**

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אִיךְ וָוארְן דִיךְ אָן זַייעֶר שְׁטַארְק, מַאךְ נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, טוּ גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, וַוייל מַיין לֶעבְּן הֶענְגְט אוֹיף דֶעם, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בֵּייפַאלְן אֲפִילוּ אִיבֶּערְצוּלָאזְן עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר״.

ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט גְלַייךְ צוּגֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶר וֶועט אוֹיסְפָאלְגְן אַלֶעס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, ר׳ שִׁמְעוֹן אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן פַאר טֵייעֶר גֶעלְט וָואס זָאל אִים גְלַייךְ נֶעמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף דִי רֵייזֶע.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

מו"ה **משה ארי' שניטצלער** הי"ו

מו"ה **יואל מנחם גרשון שניטצלער** הי"ו

מו"ה **שלום שניטצלער** הי"ו

און גאנץ **משפחת שניטצלער** שיחיו

**וועלכע טרויערן אויף די הסתלקות פון זייער חשובער פאטער**

**מו"ה ברוך יודא ב"ר שלום ז"ל**

**המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו קרית ברסלב

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור **אברהם יצחק פוקס** נ"י

***

מו"ה **יואל גאלדענבערג** הי"ו בית שמש

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **לייבי ליבערמאן** הי"ו בית שמש

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי ברילל** הי"ו טבריה

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב ארי' רובין** הי"ו בני ברק

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן יצחק רעכניצער** הי"ו בני ברק

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון עוזר פערל** הי"ו ירושלים עיה"ק

**צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון**

החתן **שלמה צבי פערל** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **נפתלי צבי קארנבלי** הי"ו טבריה

***

מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב

**צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון**

החתן **בנימין זאב זוסמאן** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו בני ברק

**צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון**

החתן **יודא דוד לעווי** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **נפתלי בוים** הי"ו בני ברק

***

מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש

**צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון**

החתן **זאב ראטה** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו קרית יואל

***

מו"ה **בצלאל לונצער** הי"ו לאנדאן

**צו די שמחה למזל טוב פון זיין טאכטער עב"ג**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >